Historical Jewish Press (JPress) of the NLI & TAU
דיא ווארהייט, 09.11.1918, page 5

דער טרויער אין ווארשא ביי דער לויה פון בריסקער גאון, ר' חיים סאלאוועיטשיק

די מלחמה צווישען צוויי שטעדט איבער דעם ווער עס זאל דעם צדיק ברענגען צו קבורה. — נייער רב, ר' וועלוועלע, אויסגערופען ביים קבר פון'ם נפטר. — הספדים פון אנגעזעהענע רבנים איבערגעשלאגען דורך געדראנג און כבוד'ן אויפ'ן בית־עולם. — אלע געשעפטען אין ווארשא געשלאסען ווען די לויה געהט פארביי.

ספעציעלע קארעספאנדענץ צו דער „ווארהייט"

צעהנדליגע טויזענדע אידען האבען אין ווארשוי — אין דעם נחינום פון הונגער, מגפות און דייטשער הערשאפט — פארגעסען אן אלע זייערע אייגענע צרות און בצביר געטרויערט אויף דעם טויט פון דעם בריסקער גאון ר' חיים סאלאוועיטשיק, וועלכער איז דעם 30טען יולי נפטר געווארען אין אטוואצק, א דער־בייאיג שטעטעל.

דעם 31טען יולי האט דער קייבעל געבראכט דער „ווארהייט" די טרויעריגע נאכריכט. אז דער פאקעל־טרעגער פון ארטאדאקסישען יודענטום אין רוסלאנד, „דער לעצטער פון די גאונים", איז נפטר געווארען ווייט פון זיין היים, אין גלות. נעכטען ערשט האט אונז די פאסט געבראכט די איינצעלהייטען פון דער לויה, וועלכע אנטפלעקען א רייהע גראנדיעזע בילדער וואס קלינגען ווי ווייטע ריכען פון אן אויסגעטראכט לאנד.

ביי דעם גאנצען אומעט וואס די בילדער ווייזען אן, ברענגען זיי אבער אויך א גרויסע טרייסט. זיי דערציילען אינז, שלאגענדער ווי אלע אנדערע גרויסען, וועגען דער אידישער קולטורעלער טהעטיגקייט אין פוילען. טראץ דעם גרויסען הונגער און די מגפות, אז דאס יודענטהום דארט לעבט און וואקסט. די מענות פון אונזער קארעספאנדענט צו די פאר אידישע קרעמערס וואס האבען נישט פארמאכט די געשעפטען בשעת די לויה איז פארביי, זיינען זעהר כאראקטעריסטיש. פונקט ווי עס איז כאראקטעריסטיש די מודעה דורך וועלכער די צייטונג „דאס אידישע ווארט" האט אנגעזאגט דער אידישער באפעלקערונג דיא טרויעריגע בשורה. די מודעה איז ווי פאלגט:

אבל כבד. היינט 5 מינוטען נאך האלב 4 איז אין אטוואצק נסתלק געווארען דער גדול הדור, רבן של כל בני הגולה, הגאון ר' חיים סאלאוויטשיק זצ"ל פון בריסק.

אין אטוואצק

גלייך מיט'ן ערשטען באהן־צוג, אום האלב נאך 8 אין דער פריה, זיינען פון ווארשא ארויסגעפאהרען קיין אטוואצק אייניגע הונדערט פערזאן, דארונטער רבנים און חשובי העיר, ווי אויך פיעל נאהענטע גוטע פריינד פון'ם נפטר. אויפן וועג האט מען אומעטום געהאלטען אין איין רעדען וועגען דער גרויסער אבידה.

דינסטאג ביז שפעט אין אווענד האט זיך פערצויגען די דין־תורה צווישען דער שטאדט אטוואצק, וועלכע האט געוואלט האבען די זכיה, אז דער נפטר זאל ליגען ביי איהר און צווישען די יורשים פון'ם נפטר, וועלכע האבען דורכאויס געפאדערט, אז מען זאל איהם ברייננגען צו קבורה אין ווארשא. אין דער דין תורה האבען אויך אנטהייל גענומען דער ראדזינער רבי, הרב ר' נפתלי וויערשאווער און דער דארטיגער רב. נאך א ישוב הדעת פון אייניגע שעה איז ארויסגעטראגען געווארען א פסק, אז מען זאל דעם נפטר מקבר זיין אין ווארשא. נאר די מטהרה זאל געמאכט ווערען דורך די אטוואצקער חשובי העיר און אזוי איז טאקע געווען.

די טהרה און די הספדים.

איידער מען האט דעם נפטר גענומען מטהר זיין, האבען זיך אנגעהויבען די הספדים פון דעם נפטר'ס קינדער. צום ערשטען האט גערעדט דער יינגסטער זוהן פון'ם נפטר, ר' וועלוועלע, וועלכער ישם'ט שוין פון לאנג אלס איינער פון די גרעסטע למדנים. אויף איהם זאגט מען, אז לויט זיינע מדות און זיינע ידיעות התורה געהט ער נאך זיין גרויסען פאטער. אנהויבענדיג מיט די ווערטער: „צי קען איך דען אבשאצען דעם מענשען, צי קאן איך דען דערצעהלען זיינע שבחים, וואס קיינער איז עס נישט בכח?" צעוויינט ער זיך און עס ווערט איהם פלוצלינג נישט גוט. אזוי אז מען מוז איהם אראבנעהמען פון דער באנק, אויף וועלכער ער איז געשטאנען.

דאן איז איהם מספיד דעם נפטר'ס איידעם, הרב צבי דוב גליקסמאן, וועלכער דערצעהלט:

„איך בין יאהרען לאנג געוועזען זיינס א תלמיד, און זאג אייך, אז ער האט אויסגעטרעטען נייע וועגען אין תלמוד. איך האב פיעל געלערנט זיינע כתבים, די פירושים אויף תלמוד, און דארטען גלייכט ער זיך אויס מיט די ראשונים און געהט אוועק נאך פיעל ווייטער. אזוי אז עס ווערט ליכטיג און קלאר אין דעם מענשליכען מח. דער בריסקער רב — זאגט ער ווייטער — האט נישט בלויז אין זיין לעבען געפיהרט זיך לויט'ן שולחן ערוך, נאר ער האט אויסער דעם אליין געשאפען זיך א שולחן ערוך. זאגאר ווי א מענש דארף טראכטען און דענקען, כדי אזוי ארום צו דערגרייכען די אמת'ע געטליכע וועגען". דער מספיד ענדיגט דערמיט, אז ווי אזוי דער נפטר האט זיך געפיהרט אין טאג־טעגליכען לעבען אויף זיין כסא הרבנות, ווייסען דאך קינד און קייט.

נאך דער טהרה האט געמאכט א קורצען הארציגען הספד דער נאווידווארער רב ר' ראובן יהודה נייפעלד.

א האלבע שעה פאר'ן אבפיהרען דעם נפטר קיין ווארשא האבען די מקורבים פון פערשטארבענעם צוזאמען מיט אייניגע רבנים אנגעשריבען א כתב, אויף וועלכען עס זאלען ווערען געקליבען אונטערשריפטען פון די בריסקער איינוואהנער, אז אלס ממלא מקום פון'ם נפטר אויפ'ן כסא הרבנות אין בריסק זאל זיין דעם נפטר'ס זוהן ר' וועלוועלע, וואס וואהנט היינט אין ווארשא, וועלכען דער נפטר האט שטענדיג געהאלטען פאר איינעם פון די גאונים און איצטיגען הדור און פלעגט אפט זאגען: „מיין זוהן וועלוועלע קען בעסער לערנען פאר מיר". עס איז קיין ספק נישט, אז קיינער פון די בריסקער וועט נישט האבען דאגעגען.

האלב איינס האט מען געבראכט פון ווארשא א ספעציעל צוזאמענגעקלאפטע מטה און האלב 2 איז אבגעפאהרען דיא באהן מיט'ן נפטר ביי א שרעקליכער יללה פון דעם גרויסען עולם, וועלכער האט שוין דאן דערגרייכט ביז אייניגע טויזענד פערזאן.

אין ווארשא

ארום 2 א זייגער נאכמיטאג האט דער עולם פון אלע עקען שטארט מיט טראמוויען, דראשקעס און צו־פוס געשטראמט קיין פראגע צו דער אלטער בריק, כדי אבצווארטען דעם צוג, מיט וועלכען מען האט בעדארפט ברייננגען דעם נפטר. מיט יעדער מינוט האט דער עולם געוואקסען, ביז ער האט דערגרייכט צו א פיעל טויזענד קעפיגען המון וואס האט פערפלייצט די גאנצע אומגעגענד.

די ארדנונג ביי דער סטאציע האבען געהאלטען מיטגליעדער פון „הוכמי בחורי לומדי תורה", וועלכע זיינען געוועזען פערזעהן מיט ספעציעלע צייכענס אין די לאצען, און מיטגליעדער פון פערשיעדענע אידישע נאציאנאלע ארגאניזאציעס, טורן און ספארט־פעראיינען, און דאס גלייכען.

איפ'ן ארט וואו דער צוג האט זיך בעדארפט אבשטעלען, אויף דער צווייטער זייט בריק, האבען זיך צונויפגעזאמעלט די פארשטעהער פון פערשיעדענע אידישע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס אין ווארשא. מיטגליעדער פון בריסקער הילפס־קאמיטע מיט'ן ראטמאן ה' רפאל שערעשעווסקי בראש. דאזאר ר' לייבוש ראזווידזאהן, אלס פארשטעהער פון דער גמינע, דער פרעדיגער פון דער טלאמאצקער סינאגאגע דר. ש. פאזנאנסקי, הרב ר' שלמה דוד כהנא, אלס פערטרעטער פון ראבינאט, און אייניגע רביים און רבנים פון ווארשא און פראווינץ.

4 א זייגער איז פון אטוואצק אנגעקומען דער ספעציעלער צוג, וועלכען די אטוואצקער אידישע קהלה פערוואלטונג האט אבגעדונגען אויף צו איבערפיהרען דעם נפטר קיין ווארשא. פאר'ן צוג האט די אטוואצקער קהלה־פערוואלטונג בעצאהלט 2200 מארק. דער ספעציעלער צוג איז בעשטאנען פון 5 פאסאזשיר וואגאנען אין וועלכע עס זיינען געפאהרען די נאהענטע קרובים פון'ם נפטר, מיטגליעדער פון בריסקער הילפס קאמיטעט, אייניגע רבנים און רביים פון דער פראווינץ, די עהרען־וואך פון דער אטוואצקער אידישער קהלה מיט ספעציעלע צייכענס אין די לאצען. די דאזארעס פון דער אטוואצקער קהלה פערוואלטונג, ארטאדאקסישע עסקנים פון ווארשא און פיעלע אנדערע. צום סוף איז געווען צוגעשפאנט א פערמאכטער מיטא וואגאן אין וועלכען עס האט זיך געפונען דער ארון מיט'ן נפטר.

ווי נאר דער צוג האט זיך אבגעשטעלט איז געבילדעט געווארען א וואנט פון יונגע לייט און מען האט קיינעם צום וואגאן נישט צוגעלאזען.

אין וואגאן וואו דער נפטר האט זיך געפונען, איז אריין דער דאזאר ר' לייבוש ראזווידזאהן און האט געמעלדעט די מיטגליעדער פון בריסקער הילפס קאמיטעט, אז די גמינע האט בעשלאסען איבערצוגעבען דעם בר מינן אין רשות פון בריסקער הילפס קאמיטעט, וועלכער רעפרעזענטירט די בריסקער אידישע קהלה, וואו דער נפטר האט פערנומען אזוי פיעל יאהרען דאס כסא הרבנות, און זיי דארפען זיך מיט זייער גייסטיגען מנהיג מתעסק זיין און טהאן אלץ ווי זיי פערשטעהן, און וואס די גמינע וועט זיי אין גארנישט קיין דעה זאגען און נישט שטערען.

נאכדעם ווי די ארדנונג איז אביסעל איינגעשטעלט געווארען, האבען בלויז רביים און רבנים, דארונטער דער ראדזינער רבי, דער נאוואמינסקער רבי, דער אטוואצקער רבי און די רבנים פון נאווידוואר, נייסטאדט און פון אנדערע פראווינץ שטעדט, ווי אויך אייניגע מורי הוראות פון ווארשאווער ראבינאט און דער דאזאר ר' לייבוש ראזווידזאהן, ארויסגעטראגען אויף די הענד פון וואגאן דעם ארון און אריינגעשטעלט אין דער עגלה וואס איז צוגעפאהרען נאהענט צום צוג. די מהירלעך פון דער עגלה זיינען פארשלאסען געווארען. ביי א גרויס געדרענג האט די לויה אין בעגלייטונג פון א פיעל טויזענד־קעפיגען עולם אנגעהויבען צו ריידען פון ארט.

פאר דער עגלה זענען געגאנגען אין געשלאסענע רייהען תלמידים פון חדרים און ישיבות און ביי די זייטען די ארדנער אין ספעציעלע געשלאסענע רייהען. נאך דער עגלה זיינען געגאנגען רביים און רבנים, דעם נפטר'ס זוהן און איידעם, די נאהענטסטע קרובים, דער דאזאר ר' לייבוש ראזווידזאהן און א גרויסער עולם פון אלט און יונג.

אין דראשקעס זיינען נאכגעפאהרען די איינציגע טאכטער פון'ם נפטר און אנדערע פרויען וואס געהערען צום נפטר'ס משפחה.

די לויה איז געגאנגען איבער'ן שלאס פלאץ, סענאטארסקא טעאטער פלאץ, ביעלאנסקא, נאלעווקעס, גענשא. אויפן גאנצען וועג האבען די לויה אבגעווארט פיעל טויזענדער מענשען. דיא ענגשאפט אויף די גאסען, וואו די לויה איז דורכגעגאנגען, איז געווען אן אומגעהייערע. א גרויסער עולם האט זיך אויף נאלעווקעס און גענשא אויך פערזאמעלט אויף די באלקאנען, אנגעהאנגען אויף די גאז־לאמפען און טראמוואיסלופען, ווי אויך אויף די שטאבעטען און מויערען פון קראשינסקי'ס גארטען.

אויף נאלעווקעס און גענשא זיינען אלע אידישע קראמען געווען פערמאכט, דאגעגען די אידישע קרעמער אויף ביעלאנסקא האבען צום בעדויערען נישט געפונען פאר נויטיג צו פערמאכען זייערע קראמען לכבוד דעם נפטר, חוץ די צוויי קראמען פון ה' קאמיעניעצקי און „טיראלסקא", וואס זיינען יא פערמאכט געווען.

אויף ביעלאנסקא 5 האט מען דיא פערד פון דער עגלה אויסגעשפאנט און דער עולם האט דעם גאנצען וועג ביז א שטיקעל פאר'ן גענשא'ס בית עלמין אליין געפיהרט די עגלה. אויף גענשא גאס האט מען אפילו אייניגע מאל געפרובירט ארויסנעהמען דעם נפטר פון דער עגלה און איהם טראגען ביז צום בית עלמין, נאר צוליעב דער גרויסער ענגשאפט און צוליעב פערשיעדענע אנדערע טעמים האט מען דעם נפטר נישט ארויסגענומען און איהם געמוזט פיהרען אין דער עגלה ביז א שטיקעל וועגס פאר'ן בית עלמין.

אויפ'ן בית־החיים.

א בוואליע פון מענשען האט זיך געוויגט אהין און צוריק אויף דעם גרויסען ווארשעווער בית עלמין. — אזוי גרויס איז געווען דער עולם. עס איז שווער ביי אזא מאסע צו האלטען ארדנונג, אבער דאך האט זיך דער עולם ווי עס איז געהאלטען. ווען מען האט אנגעהויבען געהן מיט דער מטה האט זיך געריבט מינוטענווייז אז אטאט געשעהט חלילה א קאטאסטראפע.

ווען מען האט אנגעהויבען טראגען דעם ארון צום קבר, האט זיך געלאזט הערען א ווייכענדיגער „יושב בסתר עליון" פון'ם גאנצען עולם מקויים. אין מיטען וועג האט מען זיך אבגעשטעלט. און דער עלטסטער ווארשעווער מורה־הוראה, הרב ר' אברהם פערעלמוטער, האט אנגעהויבען מספיד זיין מיט די ווערטער: „צדיק כתמר יפרח" און אויף דעם פסוק גענומען שילדערען דאס גדלות פון'ם נפטר. נאר די טויזענד קעפיגע מאסע האט זיך ווידער א וויג געטהאן און צוליעב דער ענגשאפט האט דער הספד געמוזט איבערגעריסען ווערען.

אין מען האט ווייטער געטראגען די מטה, א שטיקעל וועגס ווייטער האט מען זיך ווידער אבגעשטעלט און עס האט געזאגט אייניגע הייסע ווערטער דער תלמיד מובהק פון'ם נפטר, דער מורה־הוראה הרב ר' חיים יהושע גוטשעכטער. אבער אויך זיינע ווערטער זיינען פערטרונקען געווארען אין דעם „שא, שא" פון דער גרויסער מאסע מענשען. אזוי האט זיך דער גאנצער עולם צוגעווינט ביז דעם אהל פון ר' הירש לייב זצ"ל וואלאזשינער (בערלין), א זיידע פון'ם נפטר'ס פערשטארבענער פרוי. דארטען האט מען געעפענט דעם אהל און אנגעהויבען צוגרייטען דעם קבר.

דערווייל איז אנגעקומען א גרעסערע גרופע בריסקער בעלי בתים מיט'ן כתב, וואס מען האט נאך אנגעשריבען אין אטוואצק וועגען דער בעשטימונג פון'ם נפטר'ס איינגסטען זוהן ר' וועלוועלע אלס רב אין בריסק, און אויסגערופען. ווי דער מנהג איז, „מזל טוב, ר' וועלוועלע! פון היינט אן זענט איהר בריסקער רב!" ביי די ווערטער האט ר' וועלוועלע צוזאמען מיט'ן עולם אויסגעבראכען אין א שרעקליך געוויין.